STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03145

# MIR ZINGEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מיר זינגען

לאָקאַלע לידער און קופּלעטן,

וואָס ווערן געזונגען אין „בױבעריק“

אַרױסגעגעבן פון דער

בױבעריק קאָמיטע

פון

שלום עליכם פאָלק-אינסטיטוט

.1925

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 479

# אונדזער בויבעריק

פון י. י. סיגאל
מוזיק פון ל. וויינער

אַזאַ וואונדערלאַכער כישוף
שוועבט אויף אונדזער בויבעריק;
אַזאַ שיינער, שטילער ישוב
יומטוב׳דיק און צויבעריק.

אַ קליין אידישע מדינה
אַזאַ לאַנד פאַר קינדערלאַך
צווישן בערג און טאָלן גרינע,
וואונדער, וואונדער, וואונדערלאַך.

און פון לייוונט ווייס און קלאָר
קליינינקע געצעלטעלאַך.
עס איז חלום, עס איז וואָר,
און אַ וועלט מיט וועלטעלאַך.

זומער־לעב און זומער־לויב
יומטוב׳דיק און צויבעריק
פליט אַ ווייסע קלאָרע טויב
איבער אונדזער בויבעריק.

# דאָס ליד אַרום שייטער

פון פּרץ הירשביין
מוזיק פון לאַזאַר וויינער
(אַ מתּנה בויבעריק)

פון באַרג אַהער, היי הירשן, אַ שפּרונג!
ס'טליעט אין אַש נאָך פון נעכטן אַ פונק. —
צינדער, היי, צינדער, איר צינדט שוין אַצינד!
פּעכער, היי, פּעכער, נו, פּאָכעט געשווינט!
ווער גרעסער, ווער קלענער
ברענגט צווייגן און שפּענער
דעם שייטער צושטייער
פאַר נאַכטיקן פייער.

פייער! צעפלאַקער זיך, פייערל יונג.
פייער! צעפלעמל דיין צונט-רויטן צונג!
ווינטל דו בלאָזער, בלאָז בלאָז פון דער הויך
צעבלאָז מיטן בלאָזאַק פון שייטער דעם רויך!
קומט פלינקער, פאַרשייטער
צום רינג אַרום שייטער. —
ציט ברייטער און ווייטער
דעם רינג אַרום שייטער!

האָפּיי, ווי ס'פלאַקערט דער שייטער און ברענט!
ס'לייכטן און פלאַמען דאָס פּנים און הענט.
האָפּיי, הייבט העכער דעם קאָפּ נאָך פאַרשייטער!
האָפּיי, עס ציטערט די ערד אַרום שייטער.

# אין שיפל

מוזיק פון לאזאר ווײַנער

שנעלער און פרײלאַכער
שיפעלע קלײנס.
העכער די װעסלעס אין
שיפעלע אײנס.
האַסטיקער, לעבעדיק,
רודער, ניט שטײ,
טראָגן די כוואַליעס שוין
שיפעלאַך צװײ.

עכאָס צעקלינגען זיך,
גרעסער די רײ,
יאָגן זיך, טראָגן זיך,
שיפעלאַך דרײ.

דרײ, און באַלד פיר, און באַלד
מער און נאָך מער,
ס'וואַסער װערט לײכטער אַלץ,
ס'שיפל װערט שװער.

שטילער, באַרואיקטער,
שענער דער גאַנג
טראָגט זיך דאָס שיפעלע
װי דאָס געזאַנג.

זינגנדיק, שפּילנדיק,
ליבער דער װעג.
לאָמיר זיך רואיקע,
שיפן צום ברעג.

# נ אַ כ ט

מוזיק פון לאַזאַר ווײַנער

שוועבט די נאַכט אויף שטילע פליגל
איבער אונדזער וואַלד און פעלד.
טריפט אַראָפּ אין אונדזער לעבן
טראָפּנס שטילקייט פון דער וועלט.

גוטער חלום, שיינער חלום,
אויף די פליגלען פונ׳ם ווינט,
שיק אַ גרוס צו מיינע ליבע,
זאָג: אַ גרוס פון אייער קינד.

ליבע היים און ליבע גאַסן,
לאַנג שוין דאָרט זיך ניט געשפּילט
האָב איך דאָ אַ היים אַ נייע,
האָט די נאַכט זי איינגעהילט.

גוטער חלום, שיינער חלום, א. אַ. וו.

לאַנגזאַם שליסן זיך די אויגן,
גלעט אַ ווינטל מיין געזיכט,
פּלוצלונג אין דער שוואַרצער ווייטקייט
גיט אַ בליץ אַ היימיש ליכט.

גוטער חלום, שיינער חלום, א. אַ. וו.

ס׳איז די היים, מיין היים, מיין ליבע,
שטייט זי דאָרט אַזוי פאַרטראַכט,
זאָל איך איר ווי גוט מיר איז דאָ,
שעפּטשעט זי: „אַ גוטע נאַכט“.

גוטער חלום, שיינער חלום, א. אַ. וו.

# שבת

מוזיק פון הענדל׳ס אָראַטאָריאַ „מאַקאַבעיער״
ווייסע פליגל שוועבן,
שבת קומט אין אונדזער לעבן,
שענער, ציכטיקער איז אַלץ היינט.
לאָמיר אַלע, אַלע דאָ,
אין דער שטילער שבת־שעה,
חבר׳ישער, ליבער ווערן,
אַלע פריינט.

ווי אַ שיינער חלום,
שלום, שלום, אַלע שלום.
ליבער שמייכלען אויך וואַלד און פעלד.
יעדע זינד פאַרגעסן ווערט,
שבת, שבת, ניט פאַרשטערט.
זאָל זיין שבת, שבת, שבת,
אויף דער וועלט.

# גוט-וואָך

מוזיק פון גלאַדשטיינ׳ס „קלינגענ גלאָקן"

הייבט זיך פלאַמען, פלאַקער פייער,
נאָך און נאָך,
ליכטיק זאָל זיין פאַר דער נייער,
נייער וואָך.
זאָל אַ נייע פרייד אונדז וועקן
אין דער שעה
ווען די נייע וואָך, מיט מזל,
איז שוין דאָ.

האָט דער שבת זיך געזעגנט
אין פאַרנאַכט,
האָט דער אָוונט אונדז אַ נייע
וואָך געבראַכט.
אונדז איז דאָ באַשערט אַ לעבן
אַזאַ שיינס
נייע וואָך און נייער שבת,
איינס נאָך איינס.

זאָלן אונדזערע לידער קלינגען
קלינג און קלאַנג
לאָמיר אונדזער גאַסט באַגריסן,
מיט געזאַנג
אַ גוט-וואָך דער וואָך דער נייער,
אַ גוט-וואָך
הייבט זיך פלאַמען, פלאַקער פייער
נאָך און נאָך.

# ביים פייער

מוזיק פון לאַזאַר ווײַנער

פעסטער ווערט דאָס ראָד געשלאָסן,
הויך דאָס ליד געשאַלט,
ברענגט די צווייַגן, ברענגט די ביימער,
ברענגט דעם גאַנצן וואַלד.

פונקען וועלן זײַן די עדות
אינ׳ם העלן שײַן
אַז עס וועט דער טאָג זיך ציען
אין דער נאַכט אַרײַן;

אַז ס׳וועט העלער זיך צעגליען
אונדזער זומער פרייד
לאָמיר העכער עס דערציילן
זינגנדיקערהייט.

# בין איך מיר אין בויבעריק

מוזיק פון „בין איך מיר אַ חסידל“

בין איך מיר אין בויבעריק לעבעדיק און פריילאַך,
בין איך מיר אין בויבעריק פריי ווי אַ מלך,
טו איך מיר אַלץ לויט מיין אייגענעם געשמאַק,
זינג איך מיר אַ לעבעדיקס און האָפּ, טשיק, טשאַק.

אין רעגן טעג טראָג איך אַ לאַנגע קאַפּאָטע,
קלעפּט זיך צו צו מיר גאָר נישקשה׳דיק די בלאָטע,
זע איך דעמאָלט אויס ווי אַן אַלטער זאַק,
זינג איך מיר אַ לעבעדיקס און האָפּ, טשיק, טשאַק.

גיט מען מיר שטרודל איז ער פאַרברענט,
גיט מען מיר אייז קרים פאַלט ער פון די הענט.
שרייט צו מיר דער אויפפּאַסער : „דו ביסט
דאָך אַ שלאַק !“
זינג איך מיר אַ לעבעדיקס און האָפּ, טשיק, טשאַק.

שלאָף איך איז ערגער נאָך, איך וואַרף זיך
אָן אַ שיעור
פאַל איך פון בעט אַרויס, אוי וויי איז מיר.
כאַפּ איך זיך אויף פונ׳ם שרעקלאַכן קנאַק,
זינג איך מיר אַ לעבעדיקס און האָפּ, טשיק, טשאַק.

# יאַנקל

מוזיק נאָך אַ רוסיש פֿאָלקס־ליד

געווען איז עס איינמאָל אין אַ שמיטה,
אוי איינמאָל אין אַ שמיטה,
אוי איינמאָל אין אַ שמיטה.
יאַנקל האָט דערזען אַ מאָסקיטע,
אוי, געוואַלט אַ מאָסקיטע,
אוי, געוואַלט אַ מאָסקיטע.

פּלוצלונג הייבט ער אָן צו קוויטשען
ריטשען, קוויטשען, קוויטשען, ריטשען,
נעמט ער לויפֿן, נעמט ער קלאָגן,
וויל מאָסקיטע אים דעריאָגן.
בום, מאָסקיטע, בום,
בום, בום.
זינגט זי אונדז איר אייביק לידל
זשום, זשום, זשום.
זשום, זשום
זשום, זשום, זשום,
זשום, זשום,
זשום, זשום, זשום,
אוי אַ וואונדער, גאָר אַ וואונדער,
דאָ בּאַ אונדז אין בויבעריק.
אוי, געוואַלט, אַ מאָסקיטע,
אוי, געוואַלט, אַ מאָסקיטע.

געווען איז עס איינמאָל אין אַ רעגן
אוי איינמאָל אין אַ רעגן,
אוי איינמאָל אין אַ רעגן,
יאַנקל איז אין ביידל שוין געלעגן
אוי אין ביידל שוין געלעגן,
אוי אין ביידל שוין געלעגן.

פּלוצלונג הייבט עס אָן צו שפּריצן.
נעמט עס דונערן און בליצן.
הייזער פאַלן, ביידלאַך פּלאַצן,
פליען קינדער מיט מאַטראַצן.
קנאַלט אַ דונער טראַך,
טראַך, טראַך.
פאַלט אויף יאַנקלען נעבאַך איין
דער גאַנצער דאַך.
נאָר וואויל יאַנקעלען,
ס'איז אַ חלום בלויז געווען.
אוי אַ וואונדער, גאָר אַ וואונדער
דאָ ביי אונדז אין בויבעריק.
אוי, געוואַלט אין אַ רעגן
אוי, געוואַלט אין אַ רעגן.

# אַמאָל איז געווען אַ בויבעריק

מוזיק פון „אַמאָל איז געווען אַ ישוב'ניקל"

אַמאָל איז געווען אַ בויבעריק,
איז דאָרטן געווען אַביידעלע;
אוי, אוי, אַ ביידעלע,
אוי, אוי, אַ ביידעלע.

אין ביידל געשלאָפן פיר אינגעלאַך,
און אַלע מיט שאַרפע צינגעלאַך;
אוי, אוי, מיט צינגעלאַך,
אוי, אוי, מיט צינגעלאַך.

האָט מען די צינגלאַך ניט דערקענט,
האָט מען געמיינט אַ פייער ברענט;
אוי, אוי, אַ פייער ברענט,
אוי, אוי, אַ פייער ברענט.

ברענגט מען וואַסער, כאָטש ס'איז שפּעט,
און מען גיסט אַריין אין בעט.
אוי, אוי, אַריין אין בעט,
אוי, אוי, אַריין אין בעט.

לויפן די אינגלאַך אַרוים פון נעץ,
און מיאוקען ווי די נאַסע קעץ,
אוי, אוי, ווי נאַסע קעץ,
אוי, אוי, ווי נאַסע קעץ.

# שלאָפֿן

מוזיק פון מ. געלבאַרט׳ס „שנייעלע“

אינגעלאַך, מיידעלאַך, ס׳איז שוין נאָך אַכט,
בויבעריק טוליעט זיך איין אין דער נאַכט.

ווייען שוין ווינטלאַך און מורמלען: „אַ סוף“,
ברענגען זיי יעדן אַ ביסעלע שלאָף.

ברענגען זיי יעדן אַביסעלע רו
און נאָך אַ טייערן חלום דערצו.

באַלד וועט דער קלינג-קלינג-קלאַנג רופן:
שוין שפּעט!
אינגעלאַך, מיידעלאַך, צייט שוין אין בעט.“

באַלד הייבט זיך אָן דאָ דער גרויסער מאַרשיר,
אינגעלע, מיידעלע, ריר זיך שוין, ריר.

קלינג-קלינג-קלאַנג, קלינג-קלינג-קלאַנג, שטורעמט
דער גלאָק,
ענדיקט זיך ס׳ליד פון׳ם היינטיקן טאָג.

# אָ בויבעריק, מיין בויבעריק

מוזיק פון לאזאר וויינער

אָ, בויבעריק, מיין בויבעריק,
אין טרויער און אין פריידן,
געקומען איז דאָך שוין די צייט,
מיר מוזן זיך צעשיידן.
אָ בויבעריק, מיין בויבעריק,
אין טרויער און אין פריידן.

אָ בויבעריק, מיין זומער היים,
איך וועל דיך לאַנג געדענקען,
און קומען אָן דיווינטער נעכט
וועל איך נאָך דיר אויך בענקען.
אָ בויבעריק, מיין זומער היים,
איך וועל דיך לאַנג געדענקען.

מיר זיינען דיינע פייגעלאַך,
דאָ קלינגען אונדזערע לידער.
אַ זומער גייט, אַ זומער קומט,
מיר זעען זיך באַלד ווידער.
מיר זיינען דיינע פייגעלאַך,
דאָ קלינגען אונדזערע לידער.

אָ בויבעריק, אָ בויבעריק,
אין טרויער און אין פריידן.
געקומען איז דאָך שוין די צייט,
מיר מוזן זיך צעשיידן.
אָ, בויבעריק, אָ, בויבעריק,
אין טרויער און אין פריידן.

## מיר באַגריסן

פאַרפאַסט פון ראובן בערגרין פון דער מיטלשול
פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט

בראַוואָ לאַקאַ בום.
בראַוואָ לאַקאַ בום
בראַוואָ לאַקאַ, בראַוואָ לאַקאַ
בום, בום, בום,
ווער, ווער, ווער,
מיר, מיר, מיר,
בויבעריק, בויבעריק.
(באַגריסונג איין מאָל)

# ווי צו פֿאָרן קיין בויבעריק

דער וועג פֿאַר אויטאָמאָבילן איז דער אָלבאַני פּאָסט ראָוד קיין סטאַטסבורג אָדער ריינבעק. פֿון דאָרט וועלן אייך אונזערע שילדן פֿירן קיין בויבעריק.

באַנען פֿאַרלאָזן דעם גרענד סענטראַל וואַקזאַל (אָדער 125טע גאַס).

## אין דער פֿרי:

(אַלע אָנגעוויזענע ציַיטן זענען „דעי לייט סייווינג טיים“)

9:45 — קומט אין פּאָקיפּסי 11:42.

9:50 — " " " 12:17* (שטעלט זיך אָפּ אין סטאַטסבורג און ריינקליף)

10:03 — " " " 11:53* (שטעלט זיך אָפּ אין ריינקליף).

11:00 — " " " 12:48 (שטעלט זיך אָפּ אין ריינקליף).

## נאָכמיטאָג:

1:25 — " " " 3:14.

2:00 — " " " 3:47.

3:00 — " " " 5:00 (שטעלט זיך אָפּ אין ריינקליף).

4:03 — " " " 6:00 (שטעלט זיך אָפּ אין סטאַטסבורג און ריינקליף)

6:35 — " " " 9:03 (שטעלט זיך אָפּ אין סטאַטסבורג און ריינקליף)

7:10 — " " " 9:16.

## מיט דער שיף (האָדסאָן ריווער דעי ליין)

פֿון דער דעסבראָסעס סטריט (טייל שיפֿן שטעלן זיך אָפּ אין וועסט 42טער און 129טער גאַס).

## אין דער פֿרי:

9:00 — קומט אָן אין פּאָקיפּסי 1:30.

9:50 — קומט אָן אין פּאָקיפּסי 2:30.

(מען קען אויך פֿאָרן מיט שיפֿן פֿון דער סענטראַל האָדסאָן ליין, וואָס גייען אָפּ פֿון פֿרענקלין סט).

## באַמערקונגען:

1) מיט דער באַן קיין פּאָקיפּסי קאָסט $2.63, קיין סטאַטסבורג $2.99, קיין ריינקליף $3.20, מיט דער שיף קאָסט 2 דאָלאַר אַהין און צוריק.

2) פֿון פּאָקיפּסי קיין בויבעריק איז 17 מייל. געוויינטלאַך געפֿינען זיך עטלאַכע געסט וואָס פֿאָרן צוזאַמען, קאָסט עס ביליקער.

3) אונזער באָס געפֿינט זיך ביי דער שיף יעדן שבת (2:30).

4) פֿון סטאַטסבורג קיין בויבעריק איז 9 מייל און פֿון ריינקליף 10 מייל.

5) אין אַלע אָנגעוויזענע פּלעצער קען מען צו יעדער ציַיט קריגן טעקסים קיין בויבעריק.

---

* יעדן טאָג, חוץ זונטיק.